

# צי ווילט איר האָבן אַן אונטערשטיצער ?

Patientnämnden
STOCKHOLMS LÄNS LANDSTING

www.alloffset.se 2011

צוטרוי־באַגעגעניש

איר קענט זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט
wדער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פּאַציענטן־אינסטאַנץ
08-690 67 00 (8.30 – 16.00)

אָסטאַדרעס:
Patientnämndens förvaltning
Box 17535, 118 91 Stockholm

Hornsgatan 15, Stockholm

08-690 67 18 פֿאַקס

registrator@pan.sll.se בליצאַדרעס:

www.patientnamndenstockholm.se

## איר האָט דאָס רעכט צו קריגן אַ פּראָפֿעסיאָנעלע אונטערשטיצונג

יעדער איינער וואָס ווערט פֿאַרהאַלטן און באַהאַנדלט לויטן געזעץ (1991:1128) וועגן אָנהסכּמהדיקער פּסיכיאַטרישע באַהאַנדלונג (LPT) אָדער געזעץ (1991:1129) וועגן געפּסקנטער פּסיכיאַטרישער באַהאַנדלונג, האָט דאָס רעכט צו געניסן פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אונטערשטיצונג במשך דער פֿאַרהאַלט־באַהאַנדלונג, און אויך ביז פֿיר וואָכן נאָכן סוף פֿון דער באַהאַנדלונג, אויב ער און דער אונטערשטיצער האַלטן דאָס פֿאַר נייטיק.

## דער אונטערשטיצער

– איז אַ מענטש וואָס פֿאַראינטערעסירט זיך אין זײַנע מיטמענטשן
– דאַרף אויספֿילן די ראָלע פֿון אַ חבֿר און אײַך אונטערשטיצן בײַ פּערזענלעכע פֿראַגעס
– האָט דאָס רעכט אײַך צו באַזוכן אינעם מעדיצינישן אָפּטייל אָדער אין יעדן אָרט ווו איר געפֿינט זיך
– האָט דאָס רעכט צו נעמען אַ וואָרט בעת די פֿאַרהערן אין געריכט, אויב אַזאַ איז אײַער ווונטש.
– איז זיך מתחייבֿ אָפּצוהיטן קאָנפֿידענציעלקייט.

## דער אונטערשטיצער איז נישט

– קיין פֿאַרטרעטער פֿונעם באַהאַנדל־פּערסאָנאַל
– פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אײַערע ווערטזאַכן
– vאײַער יורידישער פֿאָרשטייער.

## יעדערער וואָס געפֿינט זיך אונטער אַ פֿאַרהאַלט־באַהאַנדלונג האָט דאָס רעכט

– צו אַפּעלירן קעגן דעם פֿאַרהאַלט־באַשלוס בײַם אַדמיניסטראַטיוון געריכט
– tמע זאָל אים צושטעלן אַן אָפֿיציעלן פֿאָרשטייער בײַ די פֿאַרהערן אין געריכט
– מע זאָל פֿאַר אים באַשטימען אַן אונטערשטיצער דורך אַ באַשלוס פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פּאַציענטן־אינסטאַנץ.

## אַזוי זאָלט איר טאָן כּדי צו באַקומען אַן אונטערשטיצער

רעדט מיט אײַער פֿאַרבינד־פּערזאָן, וואַרטער אָדער דאָקטער, כּדי זיי זאָלן אײַך העלפֿן זיך שטעלן אין קאָנטאַקט מיט דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פּאַציענטן־אינסטאַנץ. איר האָט אויך די ברירה אויסצופֿילן דעם בײַגעלייגטן פֿאָרמולאַר און אים אַרײַנשיקן דורך אַ פֿאַקס אָדער דורך דער פּאָסט.

### פֿאַקס

פֿאַקס 08-6906718

### בריוו

Patientnämndens förvaltning
Box 17535
118 91 Stockholm

### טעלעפֿאָן

אויב איר ווילט זיך דערוויסן נאָך פּרטים, קענט איר זיך פֿאַרבינדן מיט דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פּאַציענטן־אינסטאַנץ, אויפֿן נומער 08-6906700.

## וואָס איז אַזוינס די פּאַציענטן־אינסטאַנץ ?

די פּאַציענטן־אינסטאַנץ איז אַן אומאָפּהענגיקער און זעלבשטענדיקער אַמט. איר קענט זיך ווענדן צו דער פּאַציענטן־אינסטאַנץ אויך אויב איר האָט טענות אָדער פֿראַגעס אין שײַכות מיט אײַער באַהאַנדלונג.. די אינסטאַנץ באַמיט זיך צו פֿאַרמײַדן שוועריקייטן דורך גרייטע לייזונגען, דורך אינפֿאָרמאַציע און דורך פֿאָרשן אײַער באַזונדערן פֿאַל. די אינסטאַנץ האָט נישט די מעגלעכקייט אָנצונעמען דיסציפּלינאַרע סאַנקציעס און זי קען נישט לייזן קיין עקאָנאָמישע פֿראַגעס. דער אָנטרוי־פּערסאָנאַל און די אָנגעשטעלטע זענען מחויבֿ אָפּצוהיטן קאָנפֿידענציעלקייט.

## בקשה צו קריגן אַן אונטערשטיצער

דער אונטן געחתמעטער וואָס איז איצט אינטערנירט כּדי באַהאַנדלט צו ווערן לויטן געזעץ פֿון אָנהסכּמהדיקער פּסיכיאַטרישער באַהאַנדלונג (LPT) אָדער לויטן געזעץ פֿון געפּסקנטער פּסיכיאַטרישער באַהאַנדלונג (LRV) בעט דורך דער איצטיקער ווענדונג אַן אונטערשטיצער.

קליניק

פּאָסטאַדרעס

אָפּטייל

פֿאַרבינד־פּערזאָן \ פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער באַהאַנדלונג

טעלעפֿאָן פֿונעם אָפּטייל

טעלעפֿאָן פֿונעם פּאַציענט

שטאָקהאָלם, דאַטע

אונטערשריפֿט

אונטערשריפֿט מיט גרויסהאַנטיקע דרוק־אותיות

אידענטיטעט־נומער